# עולת שבת בשבתו

## ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | פרשת תולדות | כיתה ז' תשע"ב לפ"ק

## דורש טוב

**עקב אשר שמע אברהם בקולי:** די גמרא אין מס' יומא (דף כ"ה ע"ב) לערנט פון דא ארויס אז אברהם אבינו האט מקיים געווען די גאנצע תורה אפילו עירובי תבשילין, דארף מען פארשטיין וואס איז דא די גרויסע חידוש אז אברהם אבינו האט מקיים געווען אפילו **עירובי תבשילין?**

ענטפערט דער **ייטב לב** ז"ע אז די גמרא זאגט אין מס' פסחים (דף מ"ו) אז מן התורה טאר מען נישט קאכן פון יו"ט אויף שבת, אבער דארט ווי מ'קען זאגן אז עס איז מעגליך אז עס וועלן נאך אנקומען געסט אינמיטן יו"ט, און זיי וועלן עסן דאס וואס מ'האט צוגעגרייט, מעג מען יא, ווייל כ'זאג אז מ'גרייט דאס צו אויף יו"ט נישט אויף שבת. די סברא ווערט אנגערופן **"הואיל ומקלעי אורחים"**, וויבאלד עס קענען אנקומען געסט.

די רבנן האבן אבער געזאגט אז מ'טאר נישט קאכן פון יו"ט אויף שבת, אפילו אויב ס'קענען אנקומען געסט. דעריבער האבן זיי מתקן געווען צו מאכן אן **עירוב תבשילין.**

תוס' זאגט דארט דעם טעם, ווייל נישט אלע מענטשן נעמען אריין געסט אין שטוב, און צו א קארגן מענטש קומען בכלל נישט צו גיין קיין געסט, ממילא קען איך נישט זאגן אז יעדער מעג קאכן פון יו"ט אויף שבת מיט די סברא פון הואיל, ממילא מאך איך שוין נישט קיין חילוק און איך זאג אז קיינער

## ידיעות פון די וואך

די קומענדיגע וואך זונטאג פר' ויצא איז **ראש חודש כסלו** וועלן מיר לערנען די ידיעה איבערן 'מולד' הלבנה, וואס מ'רופט אויס אלעמאל פארן ראש חודש בענטשן .

ווי באקאנט ווענדט זיך דער קביעות החודש (דאס מיינט ווען מען באשטימט אז דער טאג איז ראש חודש) אין די לבנה, דאס הייסט אז ראש חודש איז דעמאלטס ווען די לבנה ווערט באנייט, ווי רש"י זאגט אויפן פסוק **החודש הזה לכם, הראהו לבנה בחידושה**, אז דער אייבערשטער האט געוויזן פאר משה רבינו די לבנה בשעת ווען זי איז באנייט געווארן, צו זאגן אז ווען די לבנה ווערט באנייט דעמאלטס איז ראש חודש.

יעדן ראש חודש ווערט די לבנה באנייט, ווייל דעם איז יעדן אנהייב חודש די לבנה זייער קליין און עס ווערט יעדן טאג גרעסער, הערשט נאך זיבן טעג ווען די לבנה איז שוין גרעסער קען מען מחדש זיין די לבנה, די פופצענטע טאג אין חודש איז די לבנה די גרעסטע וואס עס קען זיין, און נאכדעם הייבט ער צוריק אן צו ווערן קליין ביז סוף חודש ווען עס ווערט נאכאמאל באנייט.

דער זמן ווען די לבנה ווערט באנייט ווערט אנגערופן **מולד**, דאס איז טייטשט 'דער געבוירן', פאר מען בענטשט דעם חודש רופט דער שמש אויס פונקטליך

ווען דער מולד גייט זיין, למשל די וואך וועט מען אויסרופן **"דער מולד וועט זיין זונטאג צופרי 20 מינוט מיט 17 חלקים נאך 7"** וואס אין אנדערע ווערטער מיינט דאס אז זונטאג צופרי 7:20, דעמאלטס ווערט די לבנה באנייט.

דער אייבערשטער האט איינגעשטעלט די וועלט לויט א סיסטעם, אזוי אז יעדע זאך וואס האט מיט די מערכת השמים האט א חשבון, ווי מען קען איר אויסרעכענען פון פאראויס.

דער מולד האט א חשבון פון וואו מען ווייסט פונקטליך פון פאראויס ווען די לבנה וועט געבוירן ווערן. דער חשבון איז א גרינגער וואס יעדעס קינד קען פארשטיין נאכן וויסן די עטליכע כללים.

די לבנה לעבט יעדן חודש די זעלבע צייט 29 מיט א האלב טעג מיט 44 מינוט און איין חלק, דערנאך ווערט באנייט די נייע לבנה.

א חלק מיינט א 18'טל פון א מינוט, פונקט ווי א מינוט האט 60 סעקונדעס, האט דאס 18 חלקים.

(דער המשך פונעם חשבון המולד וועלן מיר אי"ה לערנען די קומענדיגע וואך אין די ידיעות לפרשת ויצא)

טאר נישט.

אברהם אבינו האט דאך נישט געהאט אויף די וועלט נאך אידן, עס איז געווען נאר ער מיט זיינע גרים, און וואס די גוים זאגן האט דאך אים נישט אינטערעסירט. און ער איז דאך געווען זייער שטארק אויסגעצייכנט אין הכנסת אורחים, ממילא האט מען דאך ביי אים יא געקענט זאגן די סברא פון "הואיל", ווייל שטענדיג פלעגן קומען צו אים געסט.

אויב אזוי קומט אויס אז מן הדין וואלט אברהם אבינו געווען פטור פון צו מאכן אן עירוב תבשילין, ווייל ער האט דאך געהאט די סברא פון הואיל. פונדעסטוועגן דאך האט אברהם אבינו מחמיר געווען אויף זיך, און ער האט יא געמאכט אן עירוב תבשילין, און דאס איז דער שבח מיט וואס חז"ל רימען אויס אברהם אבינו.

*

## ותקח רבקה את בגדי עשו בנה הגדול החמודות:

לכאורה איז שווער א קשיא? ווי אזוי האט יעקב געמעגט אנטוהן די קליידער פון עשו הרשע, די הלכה איז דאך אז א תלמיד חכם טאר נישט אנטוהן קליידער פון א רשע ווייל זיי זענען מטמא?

נאר דער **פנינים יקרים** ברענגט וואס שטייט אין מדרש אז החמודות מיינט, ער האט דאס צוגערויבט פון נמרוד. און די גמרא זאגט אז די קלייד פון נמרוד איז געווען די "כתנות עור" (די העמד פון הויט) וואס השי"ת האט געגעבן פאר אדם הראשון ווען ער האט אים פארטריבן פון גן עדן, און דאס האט דער באשעפער געמאכט פון די הויט פונעם לויתן פיש וואס השי"ת האט גע'הרג'ט ביי בריאת העולם. לויט דעם איז שוין גוט ווי אזוי יעקב האט געקענט אנטוהן עשו'ס קליידער, ווייל זיי זענען געווען געמאכט פון פיש הויט, און די הלכה איז אז הויט פון פיש קען נישט ווערן טמא.

# פרפראות לחכמה

**עקב אשר שמע אברהם בקולי:** דער **רבינו בחיי** זאגט אז פון דא לערנען מיר ארויס, אז ביי די 3 יאר האט אברהם אבינו אנגעהויבן צו אנערקענען אינעם אייבירשטן. ווייל אברהם אבינו האט געלעבט 175 יאר, און ער האט געדינט השי"ת נאר 172 יאר, אזויפיל ווי דאס ווארט **עק"ב** באטרעפט, אזוי ווי דער פסוק זאגט **עק"ב** (172 יאר) **שמע אברהם בקולי** האט אברהם אבינו צוגעהערט צום קול פון השי"ת און איינגעהאלטן אלע מצוות התורה. קומט אויס אז ביי די 3 יאר האט ער אנגעהויבן צו דינען השי"ת.

# מעשה רב

ווען דער רבי בעל דברי יואל זללה"ה איז געווען רב אין די שטאט סאטמאר פאר די מלחמה, פלעגט ער יעדן שבת מברכים אין די זומער וואכן פארלערנען פרקי אבות אין די גרויסע שטאטישע שוהל (געווענליך פלעגט דער רבי דאווענען יעדן שבת און אין דערוואכן אין זיין בית המדרש וואו עס האבן געדאווענט די חסידי"שע אידן פון שטאט, און נאר שבת מברכים האט ער געדאווענט אין די גרויסע שוהל). ביי יענע געלעגנהייט פלעגט דער רבי מעורר זיין איבער פרצות און פראבלעמען וואס זענען אויפגעקומען פון צייט צו צייט.

איינמאל האט מען פארן רבי'ן דערציילט אז ס'איז דא א איד וואס גייט צו א גוי'אישע סווימינג פאול ר"ל, וואו גוים קומען זיך צוזאמען. דעם קומענדיגן שבת מברכים ביי פרק פארלערנען, האט דער רבי געזאגט ווי פאלגענד:

עס שטייט אין פרשת תולדות ויקח עשו את מחלת בת ישמעאל על נשיו לו לאשה, אז עשו האט גענומען מחלת בת ישמעאל פאר א פרוי, זאגט רש"י הוסיף רשעה על רשעתו, אז מיט דעם האט ער פארמערט מיט רשעות, נאכמער ווי ער איז געווען ביז איצט. דארף מען פארשטיין פארוואס איז דאס געווען אזוי געפערליך אז דאס זאל אנגערופן ווערן הוסיף רשעה על רשעתו.

ענטפערט דער חתם סופר זי"ע אז עס שטייט אין ירושלמי (בכורים פ"ג ה"ג) הנושא אשה מוחלין לו על כל עוונותיו אז ווען איינער האט חתונה, איז מען אים מוחל אלע עבירות, און מ'דרשענט עס פון דעם פסוק מחל"ת בת ישמעאל, א לשון פון מחילת עוונות. זאגט דער חתם סופר אז אויב א מענטש זינדיגט מיט א זאך וואס קומט באמת צו פארצייען, איז זיין עבירה גאר גרויס, ווי עשו וואס ער האט געטוהן אן עבירה מיטן חתונה האבן מיט אזא מרשעת, ווען חתונה האבן בעצם טוט פארצייען די עבירות, און אזא איינער ווערט אנגערופן "הוסיף רשעה על רשעתו" און וועגן דעם זאגט רש"י אז זיין רשעות איז יעצט גרעסער געווארן.

האט דער רבי זי"ע אויסגעפירט זיינע ווערטער, דאס איז דאך זיכער אז וואסער דארף באמת רייניגן א מענטש, און ווען מען טובל'ט זיך ערליך אין וואסער ווערט מען ריין, דארף מען טאקע זעהן אז ווען מען גייט אין מקוה זאל מען זיין ערליך און אפגעהיטן און חס ושלום נישט זעהן וואס מען טאר נישט, אבער אויב א מענטש טוט פארקערט, ער גייט צו וואסער און דארט זינדיגט ער, דאס איז א בחינה פון "הוסיף רשעה על רשעתו" און זיין עבירה איז זייער גרויס, ווייל ער זינדיגט מיט א זאך וואס וואלט געדארפט טוהן דאס פארקערטע.

די הייליגע ווערטער פונעם רבי'ן האבן דעמאלטס געמאכט א מורא'דיגן רושם, און מער האט זיך קיינער נישט געטרויעט צו גיין אויף אזעלכע פלעצער.

דער רבי בעל "דבר" זי"ע האט פארלאנגט פון זיינע תלמידים פון די ישיבה אז זיי זאלן לערנען ספרי חסידות, פון וואו מען שעפט יראת שמים און מידות טובות, אבער דער רבי האט קיינמאל נישט אנגעוויזן אין וועלכע ספרים מען זאל לערנען.

אמאל איז אריינגעגאנגען א בחור צום רבי'ן פרעגן וועלכן חסידי"ש ספר ער זאל לערנען, האט אים דער רבי גענטפערט "קלויב דיר אויס א ספר וואס געפעלט דיר, פון די אנגענומענע חסידישע ספרים, סיי וועלכעס עס געפעלט דיר", דער בחור איז אבער נישט צופרידן געווען און ער האט מפציר געווען אז דער רבי זאל אים געבן אנצייגן וועלכעס ספר ער זאל זיך אויסוועלן, האט אים דער רבי א פרעג געטוהן "וואס פארא ספר לערנסטו יעצט?" האט דער בחור גענטפערט 'באר מים חיים' האט אים דער רבי א זאג געטוהן – געווען איז דאן פר' תולדות – "נו, אין די וואכעדיגע סדרה שטייט דאך וימצאו שם באר מים חיים... טאקע דעם ספר זאלסטו לערנען".

# הילולא דצדיקיא

**ראש חודש כסלו איז די יארצייט פון**

## כ"ק הרב הקדוש רבי צבי הירש הכהן מרימאנוב זצוק"ל

דער הייליגער צדיק רבי ר' הערש מרימאנוב זי"ע איז נסתלק געווארן ל' מרחשון תר"ז לפ"ק. (היי יאר וואס עס איז נישט דא צוויי טעג ר"ח כסלו איז די יארצייט ר"ח).

דער רבי ר' הערש זי"ע האט געשטאמט פון פשוט'ע עלטערן. פון זיין יונגן עלטער איז ער געווארן משב"ק ביי הרה"ק רבי ר' מנחם מענדל זי"ע פון רימאנוב. און ער איז דארט אויסגעשטיגן זייער הויך אין די מדריגות, אזוי וזייט אז נאך די פטירה פון זיין הייליגן רבי'ן (נפטר ל"ד בעומר שנת תקע"ה לפ"ק) האבן אלע גרויסע תלמידים פון רבי'ן ר' מענדעלע זי"ע, געזעהן אין אים דער ממלא מקום פון רבי'ן ר' מענדעל'ע.

עס ווערט דערציילט אז אין די שפעטערע יארן האט ער זיך משדך געווען מיטן הייליגן ריזשינער זי"ע, און ביים שידוך שליסן האט דער הייליגער ריזשינער זי"ע געזאגט אז ביי זיי אין די משפחה האט מען זיך געפירט אז מען האט אויסגערעכנט דעם געהויבענעם יחוס למעלה בקודש דור אחר דור.

דער הייליגער ריזשינער - וועלכער איז געווען א גרויסער יחסן למעלה בקודש - האט טאקע אנגעהויבן אויסצורעכענען דעם יחוס "דער טאטע איז געווען הרה"ק רבי שלום שכנא, דער זיידע הרה"ק רבי אברהם המלאך, דער עלטער זיידע הרה"ק דער מעזריטשער מגיד זי"ע".

ווען ער האט געענדיגט אויסרעכענען דעם יחוס האט ער זיך געווענדן צום רבי'ן ר' הערש זי"ע, און אים געזאגט "מחותן יעצט לאמיר הערן אייער יחוס".

האט דער הייליגער רבי ר' הערש געזאגט מיט גרויס פשטות און תמימות "מיינע עלטערן זענען געווען פשוט'ע ערליכע פרומע אידן, ווען איך בין אלט געווען צען יאר האבן מיך מיינע עלטערן געשיקט צו א שניידער, איך האב זיך ביי אים אויסגעלערנט די פאך פון שניידעריי, דער עיקר וואס איך האב זיך ביי אים געלערנט איז געווען "צו פאררעכטן דאס אלטע און נישט קאליע מאכן דאס נייע".

דער רבי ר' הערש האט מיט די ווערטער מרמז געווען געווען אז דער עיקר עבודה פון א איד איז צו פאררעכטן די עבירות וואס מ'האט געטון, און מ'דארף כסדר אכטונג געבן אז מ'זאל נישט ווייטער קאליע מאכן און פארלירן די גוטע זאכן וואס מען האט שוין איינגעקויפט".

ווען דער הייליגער ריזשינער האט דאס געהערט האט ער געזאגט "גענוג מחותן, איך דארף נישט מער, ס'איז גענוג".

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**